השלמה
משנת תשפ"ג

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

פרשת חקת בלק שנת תשפ"ג לפ"ק

### במעמד סיום התניא שנלמד ע"י ארגון לימוד התניא

יום א' פרשת חוקת - בלק תשפ"ג לפ"ק

**עס** איז ביי מיר א געוואלדיגער חשיבות אטייל צונעמען ביי אזא כנסיה לשם שמים. וואס האט א הבטחה די וואך אין פרק (אבות ד-יא), אז עס איז סופה להתקיים, עס וועט ברענגען א קיום אויף ווייטער. א חבורה פון זקנים ונערים וואס לערנען ספרי חסידות, דעם הייליגן תניא. א ציבור וואס לעבט נישט קיין לעבן פון חיצוניות, נאר מען זוכט צו שטייגן העכער אין עבודת ה', די מצוה זאל נישט זיין כמצות אנשים מלומדה, צוגעוואינט וואס מען דארף צו טון, נאר יעדע זאך וואס מען טוט, אריינצוברענגען דערין די ליכטיגקייט וואס חסידות ברענגט ארויס.

**מען** געפונט ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר משה רבינו, האט ער געגעבן די לוחות, און אויף דעם איז געווען געשריבן די עשרת הדברים. די עשרת הדברות זענען געווען חרות על הלוחות, אריינגעקריצט אין די לוחות. עס איז געווען כתובים משני עבריהם (שמות לב-טו), יעדער אות איז אדורכגעגאנגען די לוח פון איין עק צום צווייטן עק. – אז דער באשעפער האט געוואלט געבן געשריבן די עשרת הדברות, האט ער געקענט נעמען א פארמעט און שרייבן דערויף די עשרת הדברות, און עס איבערגעבן. דער אייבערשטער האט נישט אזוי געטון, ער האט גענומען א לוח אבן, און ער האט אריינגעקריצט אינעווייניג די אותיות פון די עשרת הדברות.

**דער** באשעפער האט אונז געוואלט לערנען דערמיט, שרייבן תורה כדי מען זאל וויסן וואס מען דארף צו טון, אויף דעם איז גענוג אז מען שרייבט אפילו אויף א צעטיל, מען שרייבט זיך אויף די מצות התורה וואס מען דארף צו טון, און מען ווייסט וואס מען דארף צו טון. מצות התורה איז נישט געגעבן געווארן צו טון אין חיצוניות, מצות התורה איז געגעבן געווארן, עס דארף זיין חקוק מעבר לעבר, עס דארף אדורכבארען דעם מענטש אינעווייניג, אז ווען מען טוט א מצוה, מען טוט אן די תפילין אויף די הענט, ער טוט אן די תפילין אויפן קאפ, צו ווען ער האט אן הייליגע ציצית אויף זיין גוף, איז עס נישט נאר א חיצוניות'דיגקייט, אז עס ליגט אויף אים די הייליגע תפילין אדער די ציצית, נאר עס מוז זיין

על הטוב יזכר

ידידינו מוה"ר **דוד כ"ץ** הי"ו

**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**

לרגל הכנס בנו לעול התורה והמצות למזל טוב

חקוק! עס זאל אדורכבארען! עס מוז אריינגיין די ווערטער פון די תורה. און עס איז נישט גענוג אז עס גייט אריין אביסל, נאר חקוק משני עבריהם, עס זאל אריבערגיין, יעדער אות פון די תורה דארף אדורכדרינגען דעם גאנצן מענטש פון איין עק ביז צום אנדערן עק, אזוי דארף מען מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטען.

*

**אין** ספרי חסידות איז דאך דא אסאך ערליי ספרים פון חסידות. יעדער ווייסט אז דער שורש, כמעט פון די ערשטע, וואס האבן אראפגעשריבן תורת החסידות, איז געווען דער **הייליגער תניא**. איך ווייס נישט צו עס איז דא נאך א ספר פון די תלמידים פונעם מעזריטשער מגיד, וואס דער צדיק אליין האט געשריבן דעם ספר. און אזא שפראך עס ארויסגעברענגט, ווי דער **הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע** האט געזאגט, ער ווייסט נישט ווי אזוי מען האט געקענט נעמען אזא גרויסן באשעפער, און אריינלייגן אין אזא קליינעם ספר... אזא ספר וואס איז מלא וגדוש אויף תורת הלבבות, ווי אזוי א יוד דארף זיך פירן מיטן הארץ.

**די** נשמה פון א יוד איז נר ה' נשמת אדם (משלי כ-כז). די נשמה איז פייער. דער גוף פונעם מענטש איז א נפש, און אויף דעם איז דא די נשמה, וואס איז א חלק אלקי ממעל ממש, וואס דער אייבערשטער האט אריינגעגעבן אינעם מענטש, ויפח באפיו נשמת חיים (בראשית ב-ז), און דאס איז דער אש, עס זאל ברענען א פייער. עס ברענט נישט קיין פייער, נאר ווען עס איז דא א זאך וואס האלט דעם פייער. פייער פון זיך אליין האלט זיך זייער א קורצע צייט, אז עס האט נישט אויף וואס עס זאל זיך אנכאפן, קען זיך עס נישט האלטן. עס מוז זיין א פתילה, א קנויט, וואס אויף דעם טשעפעט זיך צו דער פייער, און דעמאלטס ברענט עס. - א פתילה אליין איז אויך נאך נישט גענוג, ווייל א פתילה אליין וועט נישט האלטן די פייער נאר אויף א קורצע צייט, עס מוז זיין שמן אונטער די פתילה, וואס דער שמן גיט אריין דעם כח, אז דער פייער זאל קענען ברענען. - שמן אליין איז אויך נישט גענוג, מען דארף האבן א נר, א לייכטער, א כלי, וואס וועט האלטן דעם שמן, און דעמאלטס קען דער אש דערויף ברענען. וואס אין הייליגע ספרים שטייט, אז דאס איז די נפ"ש פון א מענטש, דאס איז דער נ'ר ש'מן פ'תילה דאס איז דער נפש. די נשמה, דאס איז דער אש, דאס איז דער פייער, וואס ברענט אויף דעם נר שמן ופתילה, אז דער אש זאל זיך קענען האלטן אין דער הייעך.

**פייער** איז צוזאמגעשטעלט פון די פיר זאכן. מען מוז האבן דעם נר שמן ופתילה מיטן אש. דער נר און שמן ופתילה זיי געבן דעם גאנצן כח, אז דער אש זאל קענען ברענען. ביז ווילאנג עס איז נישט דא דער טראפעלע פייער וואס מען לייגט ארויף אויבן, איז עס קאלט. דער נר איז גארנישט, דער שמן איז גארנישט, דער פתילה איז גארנישט. עס איז טאקע דא, עס האט אין זיך די כוחות אז עס זאל קענען אויף דעם ברענען א פייער, אבער ביז מען האט עס נישט אנגעצינדן, האט עס נישט קיין שום ווערד, עס איז א דומם. דער אש פאר זיך אליין, עס איז טאקע אש, אבער ער קען זיך אויך נישט האלטן, ווילאנג ער האט נישט די נר מיטן שמן און די פתילה.

**די** זעלבע איז א יוד. די מצות התורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, דאס איז דער נפש פון א יוד. דאס זענען די כלים, אז דורך די מצוות וואס ער האלט, בחיצוניות, דורכדעם זאל זיך קענען שפעטער אנכאפן דער אש אין דער הייעך, אז עס זאל קענען ברענען. דו האסט געלייגט תפילין, צו דו האסט געטון אנדערע מצות, דאס איז דער נר, דער שמן, די פתילה. אבער עס קען אמאל זיין קאלט, עס האט נישט קיין ווארימקייט אין זיך, אפגעטון וואס מען דארף צו טון, מקיים געווען די מצות וואס די תורה פארלאנגט, אבער עס פעלט דער כח האש דערין. דער חלק הנשמה, דאס איז דער כח האש, וואס ליגט אינעווייניג. - דאס איז חסידות, עס האט ארויסגעברענגט, אז ביי יעדע מצוה וואס א יוד טוט, איז נישט גענוג די מצוה וואס ער טוט עס אינעם חיצוניות, ווי ער דארף עס צו טון, נאר עס דארף זיין מיט אן אש אין דער הייעך, וואס דאס זאל אריינגעבן די גאנצע ווארימקייט אינעם נפש.

**און** דאס איז תורה הק'. חסידות פאר זיך אליין איז אש, עס ברענט אויף די מינוט, אבער טאמער עס איז נישט אונטערגעבעט מיט לימוד התורה, עס איז נישט אונטערגעבעט מיט דאס פירן זיך על פי תורה, מען קען נתעורר ווערן אמאל, אז מען איז זיך מתבונן אין א געוויסע חלק פון תורה, אבער עס איז נאר אש, און אש אליין האט נישט קיין יסוד, אז עס זאל זיך קענען האלטן. ווי מער א יוד איז צוגעבינדן

צו תורה ומצוות, ווי מער עס איז דא שמן, ווי מער זיין פתילה איז, איז דער ביסל אש וואס קומט נאכדעם, ברענט עס אויף אן אנדערן אופן ווי א צווייטער. עס קען זיין צוויי מענטשן וואס לערנען די זעלבע זאך, די זעלבע חברותא האבן געלערנט דעם זעלבן ענין, ביי איינעם קאכט עס, און ביי איינעם נישט, ווייל אויב איינער האט דעם נר און דער שמן און די פתילה, ער איז מלא מצות ומעשים טובים, ער איז אפגעהיטן פון אן עבירה, זיין גוף איז הייליג, נאכדעם ווען עס קומט דערויף דער אש פון תורה, לייכט עס. אבער טאמער עס פעלט, האט מען נישט דעם פייער דערצו. - דאס איז דער כח וואס א יוד דארף האבן, צוגרייטן זיך מיט מצות ומעשים טובים, און נאכדעם זאל ער קענען אויף זיך ארויפנעמען די ווארימקייט וואס פארלאנגט זיך אין א מצוה.

*

**מען** ברענגט צו פונעם **הייליגן קוברינער זי"ע**, אז דער **רמ"א** שרייבט אינעם ערשטן סימן אין שלחן ערוך, כשישים על לבו, ווען א מענטש וועט לייגן צו זיין הארץ דאס גרויסקייט פונעם אייבערשטען, אז אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו (ירמיה כג-כד), דער באשעפער געפונט זיך איבעראל, מען קען זיך נישט באהאלטן פונעם אייבערשטען, מיד יגיע אליו היראה והפחד, וועט אים תיכף אנקומען א יראה און א פחד פונעם אייבערשטען. עס ווערט אנגערופן אין הייליגע ספרים יראת הרוממות, ער האט נישט מורא פון א עונש, נאר עס איז דא א געוויסע יראה וואס א מענטש האט ווען ער שטייט פאר א מענטש וואס איז מרומם פון אים, ומכל שכן ווען מען רעדט פונעם אייבערשטען.

**האט** איינער געפרעגט דעם רבי'ן פון קוברין, ער זעהט נישט אז עס זאל זיין אזוי. מיר אלע גלייבן דאך, און אונז ווייס מיר, אז דער באשעפער געפונט זיך איבעראל, און עס איז מלא כל הארץ כבודו, לית אתר פנוי מיניה, איבעראל איז דא דער אייבערשטער, און מען זעהט נישט אז עס זאל ברענגען א פחד, ווען ער דערמאנט זיך דערפון. און דער רמ"א זאגט, אז 'תיכף' ווען ער איז זיך מתבונן, באקומט ער א פחד. מען קען אפילו לערנען דעם שטיקל רמ"א אליין, און ער קען עס איבערזאגן מיטן מויל, און ער ציטערט גארנישט... ער קען ליגן אויסגעצויגן אויפן בעט, און ער זאגט וואס עס שטייט אין רמ"א... און דער רמ"א זאגט דאך, אז עס איז נישט אזוי. דער רמ"א זאגט דאך, אז תיכף וועט אנקומען צו אים א יראה ופחד פונעם אייבערשטען. האט ער גענזאגט, אמת, עס איז אזוי, נישט אויף יעדן פועל'ט עס, אבער דער לשון פונעם רמ"א איז, 'כשישים אל לבו', ווען ער וועט עס לייגן צו זיין הארץ.

**און** איך וועל עס מסביר זיין אביסל מער. עס שטייט אין פסוק (דברים ד-לט), מען זאגט עס יעדן טאג ביים דאווענען, וידעת היום, והשבות אל לבבך, כי ה' הוא האלקים, בשמים ממעל, ועל הארץ מתחת, אין עוד. וידעת היום, דו זאלסט וויסן, והשבות אל לבבך, און דו זאלסט עס צוגעבן צו דיין הארץ, אז ה' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת, דער באשעפער איז אויבן און אונטען, לית אתר פנוי מיניה, איבעראל געפונט זיך דער אייבערשטער. עס איז דא אמאל וואס 'וידעת', א מענטש ווייסט. דו וועסט אים פרעגן, וועט ער זאגן, יא, דער באשעפער איז מלא כל הארץ כבודו, און ער איז מאמין באמונה שלימה אז עס איז אזוי. אבער עס איז נישט אדורכגעדרינגען אין זיין הארץ. די פעולות פון א מענטש קומען דאך פונעם הארץ, ער ווערט נתפעל פונעם לב. אין דעם מח, האט ער א ידיעה, וידעת, ער ווייסט, אז ה' הוא האלקים. אבער דאס וואס מען ווייסט, ברענגט נאך נישט ארויס אז א מענטש זאל דינען דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ! ווען א מענטש נעמט די ידיעה וואס ער ווייסט, ער לערנט א חסיד'יש ענין, און ער ווייסט וואס ער האט געלערנט, האט ער געלערנט נאך א חכמה. - והשבות אל לבבך, נעם יעצט די ידיעה, און לייג עס אריין אין דיין הארץ, דעמאלטס וועסטו צוקומען צו א שלימות. וידעת היום פאר זיך אליין, איז נישט גענוג. וידעת, קודם דארפסטו האבן א ידיעה, נאכדעם והשבות אל לבבך, לייג עס צו צו דיין הארץ, כי ה' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד.

**די** וועלט זאגט נאך פון א גדול, אז ער האט געזאגט, אזוי ווי עס איז ווייט, פון א מענטש וואס ווייסט נישט, צו א מענטש וואס ווייסט יא. פון א מענטש וואס איז וידעת, צו א מענטש וואס האט נישט קיין ידיעה, די זעלבע איז די ווייטקייט פון א מענטש וואס האט ידיעה, ביז והשבות אל לבבך... עס איז פונקט אזא מרחק, ביז א מענטש קומט צו, צו די

ידיעה, אזוי איז דער מרחק פון דעם וידעת היום, ביז דעם והשבות אל לבבך.

**האט** ער געזאגט, דער רמ"א זאגט נישט סתם, ווען א מענטש ווייסט אז דער אייבערשטער געפונט זיך איבעראל, באקומט ער א פחד ויראה, נאר 'כשישים אל לבו', ווען דו וועסט עס ארייגלייגן אין דיין הארץ! לעבן דערמיט! אז **וואס מען לערנט איז נישט קיין ידיעה, איך קען נאך א זאך, איך קען נאך א ענין אין תורה, איך קען נאך א ענין אין חסידות, נאר לעבן מיט די זאכן במציאות. ביי יעדע זאך טראכטן טאקע, שויתי ה' לנגדי תמיד, דער אייבערשטער געפונט זיך דא. וואו איך בין, איז דער אייבערשטער דארט. און עס טראכטן נאכאמאל און נאכאמאל, ביז עס ווערט א חלק פון דיין הארץ, דעמאלטס וועט א מענטש צוקומען דערצו, אז ער זאל האבן א פחד ויראה**, וואס מען האט געזעהן ביי צדיקים, וואס זיי זענען צוגעקומען צו די מדריגות.

**די** וואך אין די פרשה (במדבר כג-כא) שטייט, לא הביט און ביעקב, ולא ראה עמל בישראל, ה' אלקיו עמו, ותרועת מלך בו. ווען איז לא הביט און ביעקב, ווען האט א מענטש די יראה, עס זאל נישט זיין ביי אים קיין און, און עס זאל נישט זיין ביי אים דער עמל בישראל. ווען עס איז ה' אלקיו עמו. עס איז נישט גענוג וואס אין ידיעה ווייסט ער, יא דער באשעפער געפונט זיך איבעראל, נאר 'עמו', ווען עס איז מיט אים, ווען ער לעבט מיט דעם, דאס איז זיין חיות פון זיין הארץ, עס איז דא איין באשעפער אויף דער וועלט, און אלעס איז מלא כל הארץ כבודו, און ווי מען געפונט זיך, איז מען אונטער די אויפזיכט פונעם אייבערשטען, דעמאלטס וועט ער צוקומען דערצו, אז עס וועט זיין לא הביט און ביעקב, אז מען וועט נישט צוקומען צו קיין און.

*

**ולא** ראה עמל בישראל, אמאל איז דא וואס די עבודת ה' איז א עמל פאר א יוד, עס איז אים א פלאג. אויפשטיין צופרי, ליינען קריאת שמע, וכדומה, זאכן וואס קומען אים נישט אן גרינג, און אמאל קאסט עס געלט, און עס קומט אים אן שווער ער זאל עס קענען מקיים זיין, די תורה איז א עמל פאר אים, דאס איז נאר ווען עס איז נישט קיין ה' אלקיו עמו. איינער וואס לעבט מיטן אייבערשטען, און ביי אים איז דער רבונו של עולם דאס גאנצע חיות פון די וועלט, אן א רבונו של עולם דארף ער נישט לעבן, עס אינטערעסירט אים נישט גאנץ עולם הזה. אויב ער קען נישט זיין צוגעבינדן צום רבונו של עולם מיט זיין תורה, דארף ער גארנישט! ביי אזא מענטש איז נישט דא קיין עמל. עס קומט אים נישט אן מיט קיין פלאג, עס איז ביי אים א שמחה. יעדע זאך וואס ער קען טון פארן רבונו של עולם, טוט ער. דאס איז לא הביט און ביעקב, אז עס זאל נישט זיין אן עבירה ביי א יוד, ולא ראה עמל בישראל, ווען ער טוט יא א מצוה, זאל עס נישט זיין מיט קיין עמל, דאס איז ווען עס איז ה' אלקיו עמו, ווען ה' אלקיו לעבט מיט אים צוזאמען, קומט ער צו, צו די מדה.

**ווי** מען האט פריער גערעדט, דאס איז דער אש פון חסידות, וואס דאס טוט ארויפברענגען, אז זיין נר שמן ופתילה זאלן קענען לייכטן. א יוד ווערט אנגעווארעמט דורכדעם וואס ער לערנט חסידישע ספרים, און עס ברענגט ארויס זיין אהבת ה', און זיין יראת ה', ווי אזוי מען דארף צו דינען דעם אייבערשטען.

**מי** מנה עפר יעקב, ומספר את רובע ישראל (במדבר כג-י). עס איז דא וואס האבן נאר די דריי חלקים, ער האט א נר, א שמן, מיט א פתילה, אבער עס פעלט אים דער ווארימקייט, דער אש וואס מען דארף צולייגן אויבן דערצו, דאס פעלט. בלעם האט אבער גערימט יודען, 'ומספר', ווער קען ציילן, 'את רובע ישראל', די יודען וואס האבן אין זיך דעם פערטן חלק אויך, ער האט נישט נאר דעם נר שמן ופתילה, נאר עס ברענט א פייער, און עס טוט אנווארעמען זיין גאנצן גוף, אז אלעס וואס ער טוט, איז אלעס מיט א חשבון נאר וואס איז נוגע צו זיין נשמה. דאס איז די מדה וואס ברענגט אים צו, צו קענען דינען דעם אייבערשטען.

*

**איך** האב געקלערט דעם שבת, מען זעהט ווען דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן די מטה פון אהרן, איז געווען א סימן אויף אהרן, אז דער באשעפער האט אים בוחר געווען. מען האט גענומען א מטה, א פשוטן שטעקן, און מען האט עס אריינגעלייגט אינעווייניג לפני העדות, און עס איז ארויסגעקומען דערפון פרחים, ויצץ ציץ ויגמול שקדים, עס איז

ארויסגעקומען שקדים (במדבר יז-כג). פון איין טאג אויפן אנדערן טאג, איז געוואקסן א פרי וואס איז נישט געווען נעכטן. רש"י זאגט, שקדים וואקסט די שנעלסטע, אבער עס וואקסט אין איין און צוואנציג טעג (קה"ר יב-ח), עס וואקסט נישט פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט. און דא איז געווען פון איין מינוט, אויסער די נס אליין אז א מטה זאל קענען ארויסגעבן פירות אזוי ווי א אילן, איז אויך געווען די צייט, אז עס איז ארויסגעקומען זייער שנעל.

**יעדער** ווייסט, אז דער עיקר פון חסידות איז געווען תפלה, דאווענען. אויף דעם האבן זיי אוועקגעגעבן זייער אסאך שעות פונעם טאג. חסידים הראשונים, זאגט די גמרא (ברכות לב:), האבן אוועקגעגעבן יעדן טאג ניין שעה פאר דאווענען. היו שוהין שעה אחת לפני תפלה, נאכדעם האט מען געדאווענט א שעה, און נאכדעם א שעה אחר התפלה. די גמרא פרעגט גאר די שאלה, ווי אזוי עס קען זיין, אז מען האט געקענט אנקומען מיט די ארבעט. מען דארף האבן פרנסה, און די תורה וואס מען דארף לערנען. אז ניין שעה איז אוועק געגאנגען פאר תפלה, ווי אזוי קומט מען צו, אז זיי זאלן קענען האבן זייער פרנסה, און וואס מען דארף האבן פאר תורה. די גמרא שטעלט זיך, וואס איז געווען מיט זייער מלאכה, און וואס איז געווען מיט זייער תורה. יעדער מענטש קען זיך ביי זיך אליין אויך פרעגן די זעלבע שאלה, איך וועל אוועקגעבן אזויפיל צייט פאר דאווענען, וואס וועט זיין מיט מיין פרנסה. איך דארף דאך אזויפיל לערנען, און מען דארף אנקומען מיט תורה.

**אין** די גמרא ביי אונז שטייט, אז עס איז געווען מלאכתן מתברכת, ותורתן משתמרת. מלאכתן מתברכת איז דער טייטש, אז דער אייבערשטער האט אריינגעשיקט א ברכה אין די פרנסה. יעדער מענטש ווייסט, אז פרנסה איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, מען נעמט עס נישט אליין. וויפיל מאל איז דא וואס מען טוט אוועקגעבן שעות שעות, און מען איז נישט מצליח. און איינמאל איז דא וואס מען גיט אוועק א שעה פאר א זאך, און מען האט מצליח געווען. פרנסה דאס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, צו עס זאל אריינקומען א ברכה, צו נישט. **ווען א מענטש גייט ארויס צו די ארבעט און ער איז מצליח, איז נישט ווייל ער איז אינדרויסן אין די ארבעט וועגן דעם האט ער מצליח געווען. נאר ווען ער איז אין בית המדרש, און ער דאווענט צופרי זיין שחרית, דארט איז אנגעשריבן זיין הצלחה. ווען ער גיט צייט פאר דאווענען, דעמאלטס איז מלאכתו מתברכת, האט ער שפעטער א ברכה אין די מלאכה. אז עס פעלט אים אין זיין דאווענען, דארף ער זיך פלאגן, און עס קומט נישט אייביג צו מלאכתם מתברכת.** - דאס איז לגבי מלאכה.

**לגבי** תורה, איז תורתן משתמרת. ווען א מענטש לערנט, דארף ער אסאך חזר'ן ביז ער געדענקט וואס ער האט געלערנט. שכחה איז זייער גרויס, מען דארף איבערלערנען הונדערט און איין מאל, כדי ער זאל קענען געדענקן וואס ער האט געלערנט. זיי האבן געהאט די ברכה, תורתן משתמרת, אפילו מען האט נישט געהאט קיין צייט צו חזר'ן, מען האט איינמאל געלערנט, האט מען עס געדענקט, מען האט נישט געדארפט אזויפיל איבערגיין דאס לערנען, דאס מיינט תורתן משתמרת.

**אין** ירושלמי (ברכות ה-א) שטייט, נישט נאר אז עס איז געווען תורתן משתמרת, נאר תורתן מתברכת, עס איז אריינגעקומען א ברכה אין די תורה. וואס מיינט עס קומט אריין א ברכה אין די תורה? עס מיינט נישט, אז ער הייבט אן צו געדענקן זאכן וואס ער האט נישט געלערנט. עס פאלט נישט קיין מן פון הימל אין תורה. אז מען פלאגט זיך נישט אויף תורה, קומט מען אין ערגעץ נישט אן. אבער ווען מען זעצט זיך לערנען, איז אמאל דא, וואס דער קאפ איז אפען. און ווען מען הייבט אן צו לערנען, פארשטייט מען גראד די גמרא'ס קשיא, און די גמרא'ס תירוץ, און ער גייט ווייטער, און ער פארשטייט ווייטער. עס האנקעט נישט ביי אים, ער קען אפלערנען אסאך. און אמאל איז דא, וואס עס איז וינהגהו בכבידות, ער פארשטייט נישט די קשיא פון די גמרא, און וואס די גמרא האט געענטפערט, און וואס איז דער חילוק צווישן פריער און שפעטער. רש"י און תוספות, די ערשטע תירוץ פון תוספות, די צווייטע תירוץ פון תוספות, עס נעמט אים שעות ביז ער קען אדורכגיין א שטיקל גמרא. און עס איז דא וואס עס איז אזוי ווי די משנה (אבות ו-א) זאגט, נעשה כמעין המתגבר, וכנהר שאינו פוסק, ווען ער לערנט, האט ער א אפענעם קאפ, ער פארשטייט גראד וואס ער האט געלערנט. פאר איינעם נעמט צו ענדיגן א מסכת א יאר, און ער האט א ברכה און ער ענדיגט די מסכת אין א האלב יאר. - דאס איז מען זוכה מיט תפלה! ווען א מענטש גיט אוועק צייט פארן דאווענען,

תורתן מתברכת, עס קומט אריין א ברכה אין זיין תורה. זאכן וואס א אנדערער דארף זיך פלאגן דערויף, קומט אים אן גרינגער. א אנדערער דארף זיך פלאגן ביז ער כאפט א חילוק צווישן איין זאך און די צווייטע זאך, ער זאל מחלק זיין צווישן די גמרא און יענע גמרא, נעמט אים שעות ביז ער קען ארויפקומען וואס דער חילוק פון די צוויי גמרות איז. און ביי איינעם קומט עס אין א סעקונדע, ווי גדולי ישראל האבן געהאט, זיי האבן תיכף געכאפט דעם חילוק. וואס א אנדערער דארף זיך פלאגן דערויף שעות, באקומט ער אין א מינוט. - דאס איז דער תורתן מתברכת, א מענטש דערלייגט נישט אויף דעם וואס ער איז פון די חסידים הראשונים וואס געבן אוועק צייט פאר תפלה.

**אהרן** הכהן איז געווען א חסיד. וואו שטייט עס? תומיך ואוריך לאיש חסידך (דברים לג-ח). ער איז דאך אוודאי געווען פון די חסידים הראשונים, וואס האבן אוועקגעגעבן אסאך צייט פאר תפלה. וואס איז מיט זיין תורה, ער איז דאך געווען גרויס אין תורה אויך. משה מיט אהרן זענען געווען שקולים זה כזה. ווי אזוי האט ער זוכה געווען צו תורה? אבער ווי מען האט פריער גערעדט, אז א מענטש גיט אוועק צייט פאר תפלה, חסידים הראשונים זענען נישט נאר געווען אין תפלה, נאר אין יעדע זאך זענען זיי געווען חסידים הראשונים. וואס מען האט געטון, האט מען געטון אזוי ווי חסידים הראשונים האבן געטון, עס איז נאר א משל וואס ביי תפלה האבן זיי אוועקגעגעבן, אבער פאר א אנדערע מצוה האבן זיי אויך אוועקגעגעבן אזויפיל כוחות ווי מען גיט אוועק פאר תפלה. האט מען זוכה געווען צו תורתן מתברכת, וואס א אנדערער דארף זיך פלאגן א לענגערע צייט, האבן זיי זוכה געווען אין א קורצע צייט.

**ווען** דער אייבערשטער האט בוחר געווען די מטה פון אהרן, האט ער געוויזן, קוקסט ביי א אנדערע פרי, וויפיל דארף מען זיך פלאגן דערויף אז עס זאל ארויסקומען, וויפיל צייט דארף מעןווארטן אז עס זאל ארויסקומען די פרי דערפון, והאיש אשר אבחר בו, ביי דעם וואס איך גיי אויסקלייבן, מטהו יפרח, זיין מטה גייט שפראצן. פון איין טאג אויפן אנדערן טאג, תיכף איז דא א פרח, תיכף איז דא א נץ, און תיכף איז דא ויגמול שקדים. וואס ביי א אנדערן וואלט גענומען וואכן און חדשים ביז מען גיט ארויס א פרי, האט ביי די מטה אהרן, וואס מטה אהרן האט געוויזן אויף אהרן, וואס איז געווען דער איש חסידך, וואס ער האט געטון, האט ער געטון מיטן גאנצן הארץ פארן אייבערשטען, האט ער זוכה געווען, אז עס איז געווען תורתן מתברכת, זיינע פירות באקומט ער פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט. מען באקומט טאקע נישט קיין פרי גראד, מען דארף זיך פלאגן דערויף, עס מוז זיין קודם א פרח מיט א נץ און אזוי ווייטער. אבער עס איז תורתן מתברכת, עס קומט אריין א ברכה אין די תורה.

**עס** זיצן דא יונגעלייט וואס געבן אוועק זייער צייט, ב"ה זיי האבן זוכה געווען צו ענדיגן דעם תניא, מען האלט יעצט ביי א סיום, מען האט געגומען בחינות, מען האט זיך פארהערט, עס איז זיכער אז דאס באגלייט שפעטער דעם מענטש, אז די עבודת ה' וואס מען טוט שפעטער, איז אן אנדערע סארט עבודה. מען לעבט מיט אנדערע געדאנקען פון וואס מען איז געווען ביז יעצט, די גאנצע מחשבה פון א יוד ווערט געטוישט דורכדעם וואס ער לערנט ספרי חסידות, צו טראכטן אנדערש, זיין בליק אויף לעתיד, אלעס איז מיט א בליק אויף אהבת ה' ויראת ה'. יעדע מצוה וואס ער טוט, איז נישט נאר מען האט אפגעטון די מצוה, נאר די מצוה ווערט געטון בדחילו ורחימו ווי א מצוה דארף געטון ווערן.

**מען** דארף עס האלטן פאר א געוואלדיגן זכות, וואס מען האט אוועקגעגעבן די צייט דערויף. און עס איז געווען צייטן וואס מען האט געדארפט אוועקגעבן די מלאכה דערפאר, מען האט געדארפט אוועקגעבן צייט פון לימוד התורה דערפאר, - כאטש דאס איז אויך לימוד התורה, - אבער ביי חסידים הראשונים איז מלאכתם מתברכת, תורתם מתברכת, עס קומט אריין א ברכה סיי אין די מלאכה און סיי אין די תורה.

**מען** האט געענדיגט תניא, און מען דארף גיין ווייטער. עס שטעלט זיך נישט אפ דא, ביי דעם איינעם ספר, עס איז נאר געווען די הקדמה דערצו, מען זאל אריינקומען און שפירן דעם טעמו וראו כי טוב ה', דורכדעם וואס מען האט געלערנט, און ווייטער ממשיך זיין. דער עיקר איז, אז די תורה דארף נישט זיין וידעת היום, נאר אויף די ידיעה, תורה דארף צו זיין והשבות אל לבבך, מען דארף מתפלל זיין, אז מען זאל עס קענען אויספירן, עס זאל זיין אינעם הארץ פונעם מענטש, ער זאל נתפעל ווערן, און קענען טון די עבודת ה' ווי עס דארף צו זיין.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען ווייטער אויך עוסק זיין אין תורה, מקיים זיין די מצות ה' ווי עס דארף צו זיין. יודען דארפן זיין נרות להאיר, אז זיי זאלן קענען לייכטן. מען האט דעם נר, מען האט דעם פתילה, מען האט דעם שמן, דער אש זאל זיין אן אש. און נישט א אש אליין, נאר והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה, אין אש אליין איז דא אסאך ערליי אש'ן, עס איז דא א קליינער אש, און אז מען איז זוכה, מען פירט זיך ווי בית יוסף, מען פירט זיך בקדושה ווי יוסף האט זיך געפירט, ווערט דער אש שפעטער א להבה. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען שטייגן אין תורה און עבודת ה', און קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און זוכה זיין צוזאמען אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.